# קיצורים

## מענדעלע מוכר־ספֿרים

### דער בייַבאַק

דאָס איז משמעות נאָך אַ מעשׂה, 'וואָס האָט זיך פֿאַרוואַלגערט צווישן די כּתבֿים פֿון ישׂראליק דעם משוגענעם' (פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרימס הקדמה צו זײַן 'קליאַטשע', ווילנע, 1873). ישׂראליק איז שלום יעקבֿ אַבראַמאָוויטשעס צווייטער דערציילער. ער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ געוויסן אָפּנייג אין דעם שרײַבערס קינסטלערישער אָריענטאַציע. ער האַלט זיך מער ניט פֿעסט בײַם רעאַליסטישן שטייגער, און קלײַבט אויס צו דערציילן 'אויף אַ הויכן גאַנג'.

'דער בײַבאַק' איז איינע פֿון ישׂראליקס מעשׂיות. ישׂראליק דערציילט, אַז ער איז מגולגל געוואָרן — לויט זײַן אייגענער בקשה — אין אַ בײַבאַק, און שטעלט פֿאָר אַ שטיקל שמועס צווישן זיך און דעם מלאך גבֿריאל.

די דערציילונג איז דאָ איבערגעשריבן פֿון מינסקער שטערן, נומ' 1, 1936, ז"ז 6–12. א. וואָראָבייטשיק (זע אויבן, ז' 9) דערציילט, אַז דער כּתבֿ־יד געפֿינט זיך אין מענדעלע־אַרכיוו אין אָדעס. דער מוזיי אָבער איז חרובֿ געוואָרן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## שמואל ווערסעס

### די העברעיִשע סאַטירע 'גלגול נפֿש' פֿון יצחק ערטער און איר טראַנספֿאָרמאַציע אין ייִדיש פֿון אײַזיק מאיר דיק

אין דעם מאמר ווערט אַנאַליזירט ערטערס סאַטירע 'גלגול נפֿש' (1845), איבערגעזעצט אויף ייִדיש דורך א"מ דיקן, אונטערן טיטל 'דער גלגול' (1989). עס ווערט דאָ באַטאָנט דער חילוק צווישן בײדע טעקסטן, סײַ אין די תּוספֿות און סײַ אין די טעקסטועלע השמטות, געמאַכט דורכן איבערזעצער. אַקעגן דער אַלעגאָרישער טענדענץ פֿון העברעיִשן מקור איז אין ייִדיש בולטער געוואָרן דער רעאַליסטישער עלעמענט דורך צוגאָב־פּרטים פֿון ייִדישן שטייגער־לעבן אין מזרח־אייראָפּע. אין ייִדיש זײַנען לגמרי עלימינירט געוואָרן די שפּראַכיקע רעמיניסצענצן פֿון תּנ"ך, וואָס זײַנען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן סטיל פֿון העברעיִשן מקור. עס איז אויך בטל געוואָרן די שטענדיקע אַסאָציאַטיווע שייכות מיט גאַנצע פּסוקים, וואָס פֿאַרשטאַרקן אין דעם העברעיִשן מקור די טענדענץ פֿון סאַטירע און

פאַראָדיע. דער ייִדיש לייענער פֿון ערטערס סאַטירע האָט באַקומען אַן איינשיכטיקן טעקסט, וואָס איז געווען פֿאַר אים ווי צוגעפּאַסט. וואָס שייך די העברעיִשע עלעמענטן אין דיקס איבערזעצונג, שטאַמען זיי צום טייל פֿון דער ייִדישער רייד־שפּראַך אין ליטע און צום טייל זײַנען זיי אַ ירושה פֿון העברעיִשן מקור אַליין.

יואבֿ עלשטיין

## די ייִדישע מעשׂה וועגן דעם בעש״טס געבורט — אַ פֿאַלסיפֿיקאַציע אָדער אַן אָריגינעלע ליטעראַטור־שאַפֿונג

די אַרבעט קאָנצענטרירט זיך אַרום אַ מעשׂה וועגן דעם געבורט פֿון בעל־שם־טובֿ, דעם גרינדער פֿון חסידיזם. דער טעקסט פֿון דער מעשׂה אויף ייִדיש איז אָפּגעפֿונען געוואָרן אין דער גניזה פֿון כּערסאָן.

הגם די געלערנטע, וואָס האָבן געפֿאָרשט די כּתבֿ־ידן פֿון דער כּערסאָנער גניזה, צווייפֿלען אין זייער אָריגינעלקייט, האַלטן די מנהיגים פֿון חב״ד, אַז די אָפּגעפֿונענע טעקסטן זײַנען אָנגעלאָדן מיט טיפֿע געדאַנקען און האָבן אַפֿילו אַן אָנצוהערעניש אויף אַ חסידיש־עזאָטערישער טראַדיציע, וואָס איז כּלל ניט צוגענגלעך פֿאַר אַ חוציקן לייענער.

די פֿאַבולע איז אַ טראָפּעלע פֿאַרוויקלט און מאַכט מער ווייניקער אַזוי: אַ מאָל האָט געלעבט אין צפֿת אַ באַהאַלטענער צדיק, וועלכער האָט באַקומען זײַן תּורה פֿון אליהו הנבֿיא. ווען דער צדיק איז געשטאָרבן – איז זײַן נשמה אַרויף אין הימל, אָבער דאָרט האָט מען איר באַפֿעלט זיך אומקערן אויף דער וועלט כּדי זי ׳מתקן צו זײַן׳. אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן אַרײַנלעבנדיק זיך אינעם גוף פֿונעם בעל־שם־טובֿ. די אָ מעשׂה שטרײַכט אונטער די צוויי־פּנימדיקע נאַטור פֿון דעם בעש״טס נשמה: אַ נשמה פֿון אַ מקובל אַ מתבודד, און אַ נשמה פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכער פּערזענלעכקייט, אַ פֿירער פֿון אַ מאַסן־באַוועגונג.

דער אַרטיקל באַטראַכט די שפּאַנונג צווישן אומזעיִקייט און התגלות און באַווײַזט, אַז דער אָ פּאָלאַרישער קעגנזאַץ האָט זײַנע וואָרצלען אין די קבליסטישע מעטאָדן פֿון אַלקאַבעץ און קאָרדאָווערא, שטעלט מיט זיך פֿאָר די אינפֿראַסטרוקטור פֿון אַ פּאַראַלעלער געשיכטע, וועלכע איז אַרײַנגעפֿלאָכטן אין די ׳שבֿחי הבעש״ט׳.

די פּאַראַלעלע און ענלעכע דערשײַנונגען זײַנען וויכטיק, וואָרעם זיי ווײַזן אָן, אַז אויב אַפֿילו דער טעקסט איז אַ נאָכגעמאַכטער, האַלט ער אין זיך כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון אַ חסידישער מעשׂה מיט אַלע אירע חן־גריבעלעך, ווי אויך רעשטן פֿון קבליסטישע השפּעות.

דער אַרטיקל האָט ניט בדעה פֿעסטצושטעלן צי איז די געשיכטע אַן אמת

אָריגינעלע אָדער אַ פֿעלשונג. ער וויל נאָר אָנווײַזן דעם אונטערשייד צווישן דער פֿאָדערונג פֿונעם היסטאָריקער אַרויסצובאַקומען אוטענטיש פֿאַקטישע באַווײַזן און דעם ליטעראַטור־פֿאָרשערס קוק, וואָס האַלט זיך בײַ די ליטעראַריש־כאַראַקטעריסטישע שטריכן. אַ שריפֿט, וואָס דער היסטאָריקער שטופּט אָפּ, ווי אַ געפֿעלשטן דאָקומענט, קען דווקא דינען דעם ליטעראַטור־פֿאָרשער ווי אַ גילטיקער אָביעקט, וואָס האַלט אין זיך אַן אינטערעסאַנטע און גײַסטרײַכע ליטעראַרישע סטרוקטור.

די אויבנדערמאָנטע געשיכטע קען דינען ווי אַ בײַשפּיל, וואָס גיט די מעגלעכקייט אַרײַנצוקוקן אין די סודות פֿון אַ חסידישער מעשׂה.

## סאָפֿי גרייס־פּאָלאַק

# שמ״רס אָנהייבן אויף ייִדיש

שמ״ר איז אַ פּסעוודאָנים פֿון נחום מאיר שײַקעוויטש (1846–1905). דעם שרײַבערס נאָמען קערט זיך געוויינטלעך אָן מיטן באַגריף ׳שונד־ליטעראַטור׳, ווי אויך מיט שלום־עליכמס חיבור **שמ״רס משפּט**. אין זײַן צײַט איז שמ״ר געווען איינער פֿון די פּאָפּולערסטע ייִדישע שריפֿטשטעלערס. זײַנע ווערק זײַנען תּמיד געווען ׳בעסטסעלערס׳ (וואָס ווערן פֿאַרקויפֿט און צעכאַפּט ווי אַ שטאַרק געוווּנטשענע סחורה). הגם שמ״ר איז געווען זייער אָנגעלייגט און אַפֿילו פֿאַרגעטערט בײַ זײַנע לייענערס, האָבן דווקא די קריטיקערס געוואָרפֿן אויף אים אַן אומחן. די האַרבסטע קריטיק האָט טאַקע פֿירגעבראַכט דער אויבן דערמאָנטער פּאַמפֿלעט פֿון שלום־עליכמען. אין **שמ״רס משפּט** פֿאָדערט דער גרויסער שרײַבער אויסשליסן שמ״רן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דעריבער האָט מען טאַקע באַצייכנט שמ״רס ווערק ווי ׳שונד׳, מיינענדיק דערבײַ גאָר ביליקע שרײַבערײַ. אַזוי ווי שמ״רס ווערק זײַנען באַצעטלט געוואָרן ווי ׳שונד׳, האָבן זיך צו זיי די ערנצטע קריטיקערס און ליטעראַטור־פֿאָרשערס אָסור ניט צוגערירט.

דער אַרטיקל האָט בדעה צו אַנאַליזירן שמ״רס ערשטע 10 דערציילונגען, וואָס שמ״ר האָט אָנגעשריבן אין ווילנע אין די יאָרן 1876–1878. עס ווערט דאָ פֿירגעבראַכט אַ באַהאַנדלונג פֿון שמ״רס שפּראַך און סטיל, זײַן הומאָר און חוש פֿאַר רעאַליזם און די מיטלען, וואָס ער נעמט אָן כּדי נײַגעריק מאַכן און באַצויבערן זײַנע לייענערס. אַנטקעגן זשע ווערן דאָ ניט באַהאַנדלט די באַציִונג צווישן שמ״רס שאַפֿונג און ׳שונד׳, ווי אויך ניט שלום־עליכמס באַשולדיקונגען. די אַרבעט איז אפֿשר דער ערשטער פּרוּוו אָפּצושאַצן שמ״רס פּאָעטיק אין זײַנע פֿריִע ווערק.

זעליק קלמנאָוויטש

## אַרײַנפֿיר־וואָרט אויף דער אַקאַדעמיע געווידמעט שלום־עליכמען אין ווילנער געטאָ, 1942

דער עולם פֿון שלום־עליכמס לייענערס און ליבהאָבערס האָט געפּײַערט דעם 26סטן יאָרצײַט זײַנעם אין געטאָ. די פּאָר ווערטער, וואָס זעליק קלמנאָוויטש, וועלכער איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿונעם ליטעראַטן־פֿאַריין אין ווילנער געטאָ, האָט געהאַלטן האָבן באַצייכנט צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון אַ נאַציאָנאַלן שרײַבער, שטריכן וואָס שלום־עליכם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיי:

א. ער איז געווען אַ פֿאָלקסטימלעכער שרײַבער, וואָס האָט געשריבן פֿאַרן פֿאָלק, אָן קיין שום אינטעלעקטועלע גרויסהאַלטערײַ;

ב. ער איז געווען אַ קלאַסישער שרײַבער, וואָס האָט געהאַט ניט ווייניק קינסטלערישע מעלות (הומאָר, אַ צאַרט־לירישן נוסח און אַ הויך־רײַכע קולטור־שפּראַך).

הגם אַלץ מיט אַנאַנדער האָט זיך שטאַרק געענדערט אין משך פֿון די לעצטע צענדליק יאָרן, וועט פֿון דעסט וועגן די וועלט, וואָס איז פֿאַראייביקט געוואָרן אין שלום־עליכמס ווערק, ניט אויפֿהערן שמייכלען צו אונדז מיט איר צויבער און חן.

שלום־עליכם

## אַלעמען גלײַך

די דערציילונג האָט אַן אונטער־קעפּל: 'מײַן אוטאָפּיע'. הײַנט מעג מען משער זײַן, אַז די גאַנצע פֿאַנטאַסטישע מעשׂה האָט אַ שייכות צו די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אידעען, וועלכע זײַנען אַרײַנגעדרונגען און האָבן באַגײַסטערט אַ טייל פֿונעם האַרעפּאַשנעם יידישן עולם, פֿון דער אינטעליגענץ און פֿון דער יוגנט אין די יאָרן ערבֿ דער רעוואָלוציע פֿון 1905טן יאָר. די דערציילונג איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן המשכים־ווײַז אין דער וואָכן־שריפֿט 'יידישע פֿאָלקסצײַטונג' אין וואַרשע אין 1903טן יאָר, און איז שפּעטער עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן (ביז 1914). די דערציילונג איז ניט אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער 'קאַנאָנישער' עדיציע פֿון שלום־עליכמס ווערק אין 28 בענד.

דער תּמצית פֿון דער מעשׂה איז אַ מין חלום וועגן אַ מיגלעכקייט צו לייזן די שווערע פּראָבלעם פֿון די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן, דעם תּהום צווישן אָרעם און רײַך, ווען אַ טייל מענטשן האָבן אַלץ און אַ טייל האָבן גאָרניט. וואָס איז דער אויסוועג? מאַכן אַלעמען גלײַך. פֿאַרטיילן דאָס גאַנצע האָב און גוטס (בעצם, דאָס געלט) אַלעמען גלײַך. דער רעזולטאַט איז געווען – דאָס צעקרישלען פֿון אַלע

מאָטיוואַציעס צו טאָן אַ וואָסער עס איז אַרבעט אָדער גאָר עמעצן צו באַדינען. און דאַן איז שוין אָפּן דער וועג פֿאַר קריגערײַען, סכסוכים, שלעגערײַען און אַפֿילו בלוט־פֿאַרגיסונג.

די דערציילונג איז געשריבן אויף שלום־עליכמס שטייגער, מיט איידעלן הומאָר, וואָס שמייכלט און קיצלט. דאָ ווערט זי געדרוקט אין ייִדישן אָריגינאַל און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג פֿון אריה אַהרוני.

## שמואל וואָליץ

# שלום־עליכמס 'מנחם מענדל' ווי אַן אינעווייניקסטער שיכט־מאָטיוו אין אילף און פּעטראָווס 'צוועלף שטולן'

שלום־עליכמס הומאָריסטיש־עפּיסטאָלאַרישער ראָמאַן **מנחם מענדל** (1892–1909) שלענגלט זיך אַרײַן ווי אַן אונטער־סטרוקטור אינעם רוסיש־סאָוועטישן קאָמישן ראָמאַן **צוועלף שטולן**, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן בשותּפֿות פֿון צוויי שרײַבערס: אילף און פּעטראָוו. דער ייִדישער טעקסט דינט ניט נאָר ווי אַ קאָנטור פֿאַר דער סטרוקטור פֿון דער טעמע **לופֿטמענטש**, וואָס לויפֿט אַרום שמײַענדיק איבער רוסלאַנד זוכנדיק דעם באַהאַלטענעם אוצר, נײַערט אויך ווי אַ מוסטער פֿון אַ הומאָריסטישער בריוו־שרײַבערײַ צווישן די העלדן און זייערע געדולדיקע ווײַבער. די פּערזאָן פֿונעם רוסישן אָרטאָדאָקסישן גלח פֿיאָדאָר, ווי אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון אַ טיפּישן מנחם־מענדל, איז פֿאַקטיש אײַנשטימיק מיט דער פּאָליטישער טענדענץ אויסצומעקן די טיפּיש־נאַציאָנאַלע פֿיגורן אין דער ליטעראַטור כּדי אײַנצוגלידערן זיי אין אַן אוניווערסאַל־מענטשלעכער פֿאַרבינדונג. די כּוונה איז משמעות, אין דעם פֿאַל, אויסצולאַכן פּוסטע בעלי־חלומות, וואָס זײַנען געכאַפּט בײַ אַ בורזשואַזער זשעדנעקייט רײַך צו ווערן. די **צוועלף שטולן**, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן דורך אַ ייִדן (אילף) און אַ רוס (פּעטראָוו), שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ ספּעציפֿיש נײַע ליניע אין דער סאָוועטיש־רוסישער ליטעראַטור. פֿון אַ שפּעטערן, פּאָסט־סאָוועטישן קוקווינקל האָבן מיר דאָ אַן עדות פֿון אַ **דירעקטער השפּעה** פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דער רוסישער. יתר על כּן, מע קען דאָ אויסגעפֿינען דאָס בײַזײַן פֿון שלום־עליכמס קונסט אין אַ סאָוועטיש־רוסיש ווערק. דאָס איז משמעות אַ באַווײַז פֿאַר דער חשיבֿות פֿון דער ליטעראַרישער אָריגינעלער שאַפֿונג אין ייִדיש און איר השפּעה אינעם פֿריִען פּעריאָד פֿון דער סאָוועטישער הערשאַפֿט.

## יחיאל שיינטוך

# ׳די ייִדישע מלוכה אָדער ווייצמאַן דער צווייטער׳ — אַהרן צייטלינס אַן אַנטי־אוטאָפּישע קאָמעדיע וועגן דעם פּאָליטישן ציוניזם

דער ציוניסטישער געדאַנק וועגן שאַפֿן אַ ייִדישע מדינה, וואָס זאָל אַרײַננעמען אַלע ייִדן אין איין לאַנד ווערט אין דער דראַמע פֿאָרגעשטעלט ווי אַ לעבערלעבע אוטאָפּיע. אַהרן צייטלין (1973–1898), אַ גרויסער ייִדיש־העברעיִשער וואָרט־קינסטלער, האָט זײַן אוטאָפּיע פֿאַרפֿאַסט אין גאַנצן באַוווסטזיניק, זיך שטיצנדיק אויפֿן ייִדיש־משיחיסטישן און קבליסטישן אידעאַל פֿון האַרמאָניע. זײַן פֿאַנטאַסטישע דראַמע איז אַ מין פּראָגנאָז וועגן דער מפּלה פֿון פּאָליטישן ציוניזם, וואָס איז אַרויסגעריסן פֿון די וואָרצלען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־טראַדיציע וועגן גאולה און פֿון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל וועגן אַ שפּאָגל־נײַעם מענטשן אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון גערעכטיקייט. אין 1934 האָט צייטלין שוין פֿאָרויסגעזען, אַז היטלער וועט געווינען אין אַ צווייטער וועלט־מלחמה און וועט צווינגען אַלע ייִדן זיך צו קאָנצענטרירן אין ארץ־ישׂראל און דאָרטן אויפֿשטעלן זייער ייִדישע מדינה. די אָ מאָדנע געלעגנהייט איז נאָך ניט גענוג פֿאַר די ייִדן כּדי צו רעאַליזירן די ציוניסטישע אוטאָפּיע, און דאָס וועט זיך ענדיקן מיט אַ מפּלה — — אָטאָ דער געדאַנק איז די טעמע פֿון דער גײַסטרײַכער קאָמעדיע, וועלבע ווערט סימבאָליזירט מיטן הימען ׳התקוה׳ פֿון די ׳יורדים׳.

אַהרן צייטלינס קריטישער צוגאַנג צו דער אָפּהענטיקייט פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע עסקנים פֿון זײַן צײַט זיך ערנצט אָפּצוגעבן דער אַרבעט פֿון פֿאַרווירקלעכן די ציוניסטישע אוטאָפּיע, לייקנט לחלוטין ניט אָפּ די וויטאַליטעט פֿון דער אידעע. ער לאַכט נאָר אָפּ פֿון דער אוטאָפּישער פֿלאַבקייט און פֿעלן פֿון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. אַ מאָדערנע ייִדישע מדינה דאַרף דאָך פֿאַרקערפּערן אין זיך אויך די מעטאַפֿיזישע ווערטן פֿון לאַנג־דורותיקע ייִדישע טראַדיציעס, אַזוי ווי סאָציאַלע גערעכטיקייט און ייִדיש־רעליגיעזער עקזיסטענציאַליזם, וועלכע קענען סימבאָליזירט ווערן דורך דער מינדערהייט וואָס איז געבליבן אין ארץ־ישׂראל. די פּיעסע שטעלט פֿאָר אויך דעם ייִד דעם נע־ונד, וועלכער איז אַ ליטעראַרישער סימבאָל פֿון מענטשלעכער פֿאַנטאַזיע און אַ קליינע גרופּקעלע חלוצים, וואָס זײַנען אַ שפּאָגל־נײַע היסטאָרישע דערשײַנונג אין ייִדישן לעבן אין לאַנד פֿון ישׂראל.

דער אַרטיקל באַהאַנדלט די פּיעסע און אירע ווערטן.

## שלום לוריא

# דער צויבער פֿון אַ מיני־מיטאָס

פּנחס כּהנאָוויטש דער שרײַבער, וועלכער איז באַוווּסט מיט זײַן פּסעוודאָנים ׳דער נסתּר׳, איז געווען אַ סימבאָליסטיש־ און אַפֿשר גאָר אַ מיסטיש־אָריענטירטער קינסטלער. ער האָט געשריבן זײַנע ווערק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און איז אומגעקומען בשעת דער ליקווידאַציע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור אין 1950סטן יאָר.

דער עסיי באַהאַנדלט איינע פֿון זײַנע מעשׂהלעך פֿאַר קינדער, וואָס דער נסתּר האָט געשריבן אין גראַמען. די מעשׂהלע איז געדרוקט אין אַ לידערבוך ׳מעשׂהלעך אין פֿערזן׳, וואָס איז אַרויס אין 1918סטן יאָר. שפּעטער זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן נאָך דרײַ אויפֿלאַגעס. די דריטע אויפֿלאַגע (וואַרשע, 1923) האָט דער קינסטלער מאַרק שאַגאַל באַשײַנט מיט זײַנע צייכענונגען.

דער עסיי באַהאַנדלט דער עיקר ׳די מעשׂה מיט אַ קעצל׳ און האָט ברעה פֿירצובערענגען עטלעכע עיקרדיקע גרונטשטריכן אין דעם נסתּרס שאַפֿן און דאָס אַרײַנפֿלעכטן פֿון מיני־מיטישע עלעמענטן אין זײַנע מעשׂהלעך, וואָס פֿאַרפֿליִען אויף די פֿליגלען פֿון פֿאַנטאַזיע און לאָזן איבער דעם לייענער איבערראַשט און אָן אַ באַשייד.

דער קינסטלערישער טעם פֿון דער מעשׂהלע אין פֿערזן ליגט אין איר איראָנישן נוסח און אינעם צויבער, וואָס נעמט אַרום די מיניאַטורישע אויסגעטראַכטע געשטאַלטן.

דער טעקסט, וואָס האַלט 38 סטראָפֿעס, ווערט דאָ איבערגעדרוקט אין ייִדיש מיט אַ העברעיִשער איבערזעצונג פֿונעם מחבר און עטלעכע צייכענונגען פֿון זײַן אייניקל דוד לוריא.

## מיכאל זלאָטין

# אַ לידער־פּאָסטקאַרטל פֿון אַבֿרהם רייזען צו זײַנעם אַ פֿרײַנד

אויף אַ פֿילאַטעליסטישער אויסשטעלונג, וואָס איר טעמע איז געווען ׳די רוסיש־צאַרישע פּאָסט אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט׳, האָט דער מחבר פּלוצים געפֿונען אַ פּאָסטקאַרטל, וואָס האָט אים נײַגעריק געמאַכט. געשריבן האָט די פּאָסטקאַרטל **אַבֿרהם רייזען** (1876–1953), דער באַרימטער ייִדישער פּאָעט און שרײַבער. די קאַרטל איז דאַטירט (לויטן שטעמפּל) דעם 5טן אָקטאָבער 1906.

אינטערעסאַנט איז, אַז די פּאָסטקאַרטל האַלט בלויז צוויי ליבע־לידער, יעדעס ליד האַלט צוויי סטראָפֿעס, 4 שורות יעדע סטראָפֿע.

דער מחבר האָט אויסגעפֿאָרשט צו וועמען האָט אַבֿרהם רייזען אַזאַ אויסטער־

לישע קאַרטל געשיקט. עס ווייַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז **א. ל. יאַקאָבאָוויטש**, אַ פּאָעט און שרייַבער אויף העברעיִש און ייִדיש.

די לידער ווערן דאָ געדרוקט אין אָריגינאַל מיט אַ וואָרט־ווערטלעכער איבערזעצונג אויף העברעיִש.

## בלהה רובינשטיין

# דערציייל־קאָנסטרוקציעס אין יצחק באַשעוויס זינגערס ווערק און זייער אָנקער צו דער קבלה

יצחק באַשעוויס זינגערס פֿאַרקייטלונג צו די גרונט־עלעמענטן פֿון קבליסטישע און פֿאָלקלאָריסטישע מאַטעריאַלן באַהעפֿטן זייַנע ווערק מיט דעם סאָציאַלן און קולטורעלן מהות פֿון פּוילישן ייִדנטום. זייַן שעפֿן מיט פֿולע עמערס פֿון די מקורים און זייַן שטייגער צו אַסימילירן דעם שטאָף אין זייַנע ווערק איז אַ המשך פֿון אַ ליטעראַרישער טראַדיציע אין ייִדיש פֿון פֿאַרטייַטשן און אַרייַנטייַטשן לשון־קודשדיקע טעקסטן. פֿאַקטיש שאַפֿט ער אַ נייַען 'יש', אויסנוצנדיק שוין עקזיסטירנדיקע יאָדערן פֿון דערציילונגען אָדער גאָר שאַפֿנדיק אויסגעטראַכטע מעשׂיות מיט קבליסטישע סימבאָלן.

די דערציילונגען, וואָס ווערן דאָ באַטראַכט, באַצייכענען דעם גאַנג אויף וועלכן דער שרייַבער נעמט אַרייַן אין זייַן מאַטעריאַל דעם דערציילערישן יאָדער פֿון אַ קבליסטישן טעקסט אָדער פֿון אַ פֿאָלקס־מעשׂה. די ראָמאַנען, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, אילוסטרירן די השפּעה פֿון די קבליסטישע סימבאָלן אויף באַשעוויס זינגערס דערציייל־קאָנסטרוקציעס.

די קינסטלערישע טראַנספֿאָרמאַציע פֿירט אַריבער די שפּראַכלעכע פֿיגורן פֿון די סימבאָלישע קאָנטעקסטן פֿון דער קבלה אין די ראַמען פֿון רעאַלן לעבן. צוזאַמען מיט דער רעאַליזאַציע פֿון די קבליסטישע עראָטישע אימאַזשן שטעלט באַשעוויס זינגער פֿאָר אַן אויסדרוק פֿון רעליגיעזע אידעען, וואָס זייַנען פֿאַרוויקלט אין ספּיריטועלע און מיסטישע כּוונות.

## העטער וואַלענסיאַ

# סיביר אין צוויי פּאָעמעס פֿון אַבֿרהם סוצקעווער

דער עסיי באַהאַנדלט צוויי סיבירער פּאָעמעס פֿון אַבֿרהם סוצקעווער: **שטערן אין שניי** (1937) און **סיביר** (1963), אַ שפּאָגל־נייַער נוסח, דורך און באַאַרבעט און געענדערט, וועלכן דער קינסטלער האָט געשליפֿן און געשאַפֿן אין די יאָרן פֿון

ווילנער געטאָ. אַ סך קריטיקערס האָבן געהאַלטן, אַז **סיביר** איז נאָר אַ נײַע ווערסיע פֿון דער פֿריִערדיקער פּאָעמע. אין דעם עסיי ווערט באַוויזן, אַז סוצקעווער האָט דאָ געשאַפֿן ניט נאָר אַ נײַעם נוסח, נײַערט אַ גאַנץ נײַ ווערק.

**שטערן אין שניי** איז אַ צוזאַמענקלײַב פֿון בילדער פֿון דער קינדהייט, וועלכע ווערן אימפּרעסיאָניסטיש געשילדערט אין די ראַמען פֿון זכרונות. די צווייטע פּאָעמע איז לחלוטין מוותּר אויף די אויבן דערמאָנטע ראַמען. דעם דערציילערס קוקווינקל ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ צוגאַנג פֿון קינד אַליין, און די אַנטוויקלונג פֿונעם קינדס באַוווּסטזײַן ווערט פֿאָרגעשטעלט דירעקט און אומפֿאַרמיטלט.

דער אַנאַליז פֿון די טעמעס, סטרוקטורן און אימאַזשן פֿון **סיביר**, נוצנדיק **שטערן אין שניי** דער עיקר כּדי צו באַווײַזן ווי ווײַט זי איז אַנדערש, מאַכט קלאָר, אַז **סיביר** איז סוצקעווערס ערשטע גרויסע מעטאַפּאָעטישע שאַפֿונג, וואָס איר מהותדיקע טעמע איז די אַנטוויקלונג פֿון דעם פּאָעטישן באַוווּסטזײַן אין די טיפֿענישן פֿונעם 'איך' אַליין.

אין **סיביר** גייען אַרײַן כּסדר סוצקעווערס שליסל־אימאַזשן, וועלכע אַנטוויקלען זיך און באַקומען זייער פֿולע מעטאַפּאָעטישע חשיבֿות. דאָס ווערק האָט זיך אויסגעפּיקט און רײַף געוואָרן אין אַ פּעריאָד פֿון שפּאַנונג צווישן די עסטעטישע און עטישע עלעמענטן אין דעם קינסטלערס שאַפֿן, וואָס איר לייזונג געפֿינט זיך שפּעטער אין **דער אָדע צו דער טויב**. **סיביר** איז אַזוי אַרום אַן ערשטיק ווערק אין סוצקעווערס פֿרייִק שאַפֿן.

רינה לאַפּידוס

## דער מעטאַפֿאָר אין רעטעניש

דאָס רובֿ רעטענישן, כּולל די רעטענישן אין ייִדיש, ווערן געבויט לויט אַ געוויסן מוסטער: די אָביעקטן וואָס ווערן באַשריבן אינעם ערשטן טייל (דעם פֿרעג־טייל) פֿון דער רעטעניש האָבן אַ שייכות, דורך דעם מעטאַפֿאָר, צו זייער פּאַראַלעל אינעם ענטפֿער־טייל. דער פֿאָלקלאָר אויף ייִדיש, פֿון דעסט וועגן, שטעלט פֿאָר נאָך צוויי טיפּן פֿון רעטענישן.

אין ערשטן פֿון זיי, וואָס מע קען אים אָנרופֿן **די עניגמאַטישע רעטענישן**, קומט דער מעטאַפֿאָר אַרויס נאָר טיילווײַז. די רעטענישן זײַנען געשאַפֿן ניט צו ווערן געשטעלט אין אַ קולטורעלער געזעלשאַפֿט — זיי זײַנען גראָב און עראָטיש. דער שטיקל מעטאַפֿאָר טוט ווינקען צו די צוהערערס, אַז די רעטעניש האָט גאָר אַן אַנדער באַטײַט, אַ שאַרפֿערן, איידער דער, וואָס ווערט געזאָגט אין די אויבנאויפֿיקע ווערטער.

מיטן צווייטן טיפּ ווערט געמיינט די וויציקע שפּאַס־רעטעניש. אין דער אָ רעטעניש איז כּלל ניטאָ קיין מעטאַפֿאָרן. רעטענישן פֿון דעם טיפּ קאָנצענטרירן זיך כּדי צו מאַכן חוזק איבער אַלגעמיין־געשעצטע ווערטן אויף אַ הומאָריסטישן

שטייגער, נוצנדיק פֿאַרשיידענע גענג און שפּיצלעך, ווי למשל פּאַראָדיע, פּאַראַדאָקסן, איראָניע, גראָטעסק און מאַקאַברישע אײַנפֿאַלן. דער עצם פֿאַקט, וואָס מעטאַפֿאָרן פֿעלן אין די רעטענישן, שטרײַכט אונטער זייער הומאָריסטישן אינהאַלט.

## פֿון דער ביכער־פּאָליצע

מיר פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס מאָל אַן איבערבליק איבער דרײַ ביכער, וואָס זײַנען אַרויס פֿון דרוק דעם לעצטן יאָר:

1. לעאָנאַרד פּראַגער באַטראַכט דעם פֿינפֿטן באַנד פֿונעם ענגלישן זאַמלבוך *The Field of Yiddish*, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון דוד גאָלדבערג אין 1993סטן יאָר. דער באַנד האַלט 327 זײַטן און איז פֿול מיט פֿאָרש־אַרבעטן אין ייִדישער לינגוויסטיק, פֿאָלקלאָר און ליטעראַטור.
2. חיה בר־יצחק באַטראַכט שׂרה צפֿתמאַנס העברעיִשן בוך **בין אשכנז לספרד**, אַ וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער דערציילונג אין מיטלאַלטער. דאָס בוך איז אַרויס אינעם פֿאַרלאַג אויפֿן נאָמען פֿון י. ל. מאַגנעס בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים אין תשנ״ג, עס האַלט 244 זײַטן.
3. שלום לוריא שרײַבט אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דעם זאַמלבוך **די ייִדישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, אַ זאַמלונג פֿון ייִדישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג און קריטיק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד**. דעם אָפּקלײַב האָט צוזאַמענגעשטעלט חנא שמערוק, וועלכער האָט אויך אָנגעשריבן אַ פֿאָרוואָרט (ז׳ 11–17), און די רעדאַקציע פֿונעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט גענוי און פּינקטלעך אויסגעפֿירט חוה טורניאַנסקי. דאָס בוך האַלט 21 אַרבעטן, וועלכע שפּרײַטן זיך אויס איבער 595 זײַטן. אויך דעם ספֿר האָט אַרויסגעגעבן דער פֿאַרלאַג אויפֿן נאָמען פֿון י. ל. מאַגנעס בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים און דעם ייִדיש־אָפּטייל.

חיה בר־יצחק

## באַמערקונגען צו דער בונדישער ׳הגדה של פּסח׳

(זשענעווע 1900)

די ׳הגדה של פּסח׳, וואָס דער פֿאַרלאַג פֿון ׳בונד׳ האָט אַרויסגעגעבן אין זשענעווע (1900), קנאַפּע דרײַ יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון זייער פּאַרטיי, קען עדות זאָגן ווי ווײַט איז דערגאַנגען די טענדענץ אײַנצופֿירן אַ וועלטלעכן נוסח אין גײַסט

פֿון זייער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, אַפֿילו בשעת דעם טראַדיציאָנעלן סדר פּסח.

דאָ דרוקן מיר פֿון דאָס נײַ די בונדישע 'הגדה' אין ייִדיש און אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג. עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די אָ 'הגדה' איז ניט די ערשטע פֿון דעם מין. עס זײַנען שוין פֿריִער אַרויס צוויי אַזעלכע פּובליקאַציעס:

1. די ערשטע איז געדרוקט אין לאָנדאָן אין 1887סטן יאָר, הגם עס שטייט דאָרט, אַז זי איז געדרוקט אין ווילנע, אין דער דרוקערײַ פֿון דער אלמנה און ברידער ראָם, און איז אַפֿילו באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער צענזור דעם 29טן יאַנואַר 1886.
2. די צווייטע איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1896סטן יאָר.

דעם משמעות אָריגינעלן נוסח־לאָנדאָן האָבן אָנגעשריבן בשותּפֿות לעאָן זאָלאָטקאָף און בנימין פֿייגענבוים (לויט ווי עס איז באַמערקט אין זלמן רייזענס **לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור**, 1928–1929). דער אָ נוסח איז שאַרף און שלעגעריש, און אין געוויסע פֿראַגמענטן אַפֿילו אָנגעזאַפּט מיט שׂנאה און שפּאָט (ווען עס רעדט זיך וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם).

די באַמערקונגען מאַכן אַ שטיקל פֿאַרגלײַך צווישן די פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע 'הגדות', וואָס זײַנען געווען פֿאַרשפּרייט אין סוף פֿון 19טן און אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, און באַהאַנדלען די באַציִונג צווישן זיי און דעם אָריגינעלן טעקסט פֿון דער טראַדיציאָנעלער 'הגדה של פּסח'. דעם נוסח פֿון שאַפֿן וועלטלעכע 'הגדות' האָבן איבערגענומען גאַנץ פֿלײַסיק די ארצישׂראלדיקע קיבוצים.